# צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאָרש־סעמינאַר אין ייִדישער קולטור
# דעם 18טן ביזן 29טן יוני, 2001, ניו־יאָרק

---

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאָרש־סעמינאַר אין ייִדישער קולטור וועט פֿאָרקומען אין ניו־יאָרק צווישן דעם 18טן און דעם 29סטן יוני, 2001 אויפֿן קאַמפּוס פֿון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. דער סעמינאַר ווערט אָרגאַניזירט פֿון בית־שלום־עליכם אין תּל־אָבֿיבֿ, דעם ייִדיש־אָפּטייל אין העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, דעם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר און דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט ־ ייִוואָ אין ניו־יאָרק. די אָנפֿירערס זײַנען אבֿרהם נאָווערשטערן און דוד־הירש ראָסקעס, און די אַדמיניסטראַטאָרשע איז רבֿקה מאַרגאָליס.

דער סעמינאַר איז פּלאַנירט פֿאַר גראַדויִר־ און פּאָסט־גראַדויִר סטודענטן אויפֿן געביט פֿון ייִדיש און ייִדישער קולטור, געשיכטע און ליטעראַטור, זיי זאָלן פֿאַרטיפֿן און סיסטעמאַטיזירן זייער וויסן און זיך טיילן מיט זייערע פֿאַרשיידענע אינטערעסן און פֿאָרש־פּערספּעקטיוון. צווישן די צוויי־און־צוואַנציק באַטייליקטע זענען דאָ מאַגיסטראַנטן און דאָקטאָראַנטן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, אונגאַרן, דענמאַרק, רוסלאַנד, פֿראַנקרײַך און ישׂראל. די סעסיעס קומען פֿאָר אין גאַנצן אויף ייִדיש.

דער קערן פֿון סעמינאַר זײַנען די ווײַטערדיקע לעקטאָרן און טעמעס:

* יצחק ניבאָרסקי, פּאַריז: פֿינף ייִדישע פֿילאָלאָגן
* דוד־הירש ראָסקעס, ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, ניו־יאָרק: דער ייִדישער אימפּרעסיאָניזם
* יודזשין אָרנשטיין, מעקגיל אוניווערסיטעט, מאָנטרעאַל: אידעאָלאָגיעס פֿון ייִדיש
* רות ווײַס, האַרוואַרד אוניווערסיטעט, באָסטאָן: אבֿרהם סוצקעווערס שאַפֿן
* אבֿרהם נאָווערשטערן, ייִדיש־אָפּטייל אין העברעיִשן אוניווערסיטעט, ירושלים: די אַפּאָקאַליפּטישע פּאָעמע
* שיקל פֿישמאַן, ישיבֿה־אוניווערסיטעט, ניו־יאָרק: טעמעס אין דער ייִדישער סאָציאָלינגוויסטיק
* מרדכי שעכטער, ניו־יאָרק: כּלל־שפּראַך און שפּראַך־נאָרמירונג

אַחוץ די פֿאָרמעלע לעקציעס, וועלן די באַטייליקטע פֿאָרשטעלן זייערע אייגענע פֿאָרשאַרבעטן אויפֿן געביט פֿון ייִדישער ליטעראַטור, קולטור, עטנאָגראַפֿיע, און פֿאָלקלאָר. זיי וועלן אויך האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַניצן מיט די רײַכע פֿאָרשרעזורסן וואָס געפֿינען זיך אין ניו־יאָרק.